בעזרת השם יתברך

ספר

# אֲשֶׁר הָיָה אֵל יוֹאֵל

דברות קודש וואס מיר האבן געהאט די זכיה צו הערן

**פונעם ראש ישיבה שליט"א**

שבת קודש פרשת וישב - שבת מברכים טבת, שנת תשפ"ב לפרט קטן, אין קרית ברסלב - ליבערטי יע"א, ביים שלש סעודות.

בעזרת השם יתברך

# היכל הקודש ברסלב

## וויליאמסבורג
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

## בארא פארק
4801 11th Ave
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

## קרית יואל
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

## קרית יואל
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

## בלומינגראוו
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

## מאנסי
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

## לונדון
23A St Andrew's Grove
**447388582855**

# קרית ברסלב
ליבערטי - ניו יארק

## האשקי
181 Huschke Road,
Liberty NY 12747

## אשר בנחל
291 Denman Rd,
Liberty, NY 12754

## עצתו אמונה
187 Twin Bridge Rd,
Liberty, NY 12754,

## פעולת הצדיק
2-198 Steiglitz Rd,
Liberty, NY 12754,

## מקור השמחה
67-1 Marx St,
Liberty, NY 12754,

## ירושלים
21-1 jerusalem St,
Liberty, NY 12754,

צו הערן די
הערליכע שיעורים פונעם ראש
ישיבה שליט״א
רופט:
**קול ברסלב**
**212.444.9191**
**חיזוק פאר אידישע שטוב**
**212.444.9169**

## ירושלים
רח׳ רבי נחמן מברסלב 15
**054-845-6150**

## בני ברק
רח׳ ירושלים 2
**052-760-5715**

## טבריה
רח׳ משה שפירא 2
**050-411-6421**

## בית שמש
רח׳ ריב״ל 6
**050-419-9751**

## ברכפלד
רח׳ רשבי 19
**052-715-6479**

## יבנאל
רח׳ המייסדים
**052-716-3184**

## צפת
רח׳ צהל 1
**050-412-6101**

בעזרת השם יתברך

סֵפֶר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

דברות קודש וואס מיר האבן געהאט די זכיה צו הערן

**פונעם ראש ישיבה שליט"א**

שבת קודש פרשת וישב - שבת מברכים טבת, שנת תשפ"ב לפרט קטן, אין קרית ברסלב - ליבערטי יע"א, ביים שלש סעודות.

## שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, מְבָרְכִים חוֹדֶשׁ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶועְן אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב – לִיבֶּערְטִי יע"א. בַּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פָארְגֶעלֶערְנְט סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ק.

### שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ק

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט: "וַתִּתְפְּשֵׂהוּ בְּבִגְדוֹ (בְּרֵאשִׁית לט, יב)", דִי וַוייבּ פוּן פּוֹטִיפַר הָאט אָנְגֶעכַאפְּט יוֹסֵף בַּיי זַיין קְלֵייד; טַייטְשׁ דֶער רֶבִּי אַזוֹי, "שֶׁהַבַּעַל דָּבָר וְהַסִּטְרָא אַחֲרָא תּוֹפֶסֶת אֶת הָאָדָם בְּבִגְדוֹ, דְּהַיְנוּ שֶׁמַּטְרִיד אוֹתוֹ בְּטִרְדַּת בְּגָדָיו וּמַלְבּוּשָׁיו", דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְנַארְט דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט זַיינֶע קְלֵיידֶער, עֶר מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זַיין פַארְנוּמֶען עֶר זָאל דַארְפְן שַׁאפְן גֶעלְט צוּ קֶענֶען אַיינְקוֹיפְן קְלֵיידֶער, "כִּי טִרְדַּת הִצְטָרְכוּת מַלְבּוּשִׁים וּבְגָדִים שֶׁל אָדָם הֵם מְבַלְבְּלִין מְאֹד אֶת הָאָדָם וּמוֹנְעִים אוֹתוֹ עַל יְדֵי זֶה מֵעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", דָאס נֶעמְט אַוֶועק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן לֶערְנֶען, דַאוֶוענֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וֶוערְט פַארְנוּמֶען מִיט דִי קְלֵיידֶער. "וְזֶהוּ 'וַתִּתְפְּשֵׂהוּ בְּבִגְדוֹ'", אוּן דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט בַּיי יוֹסֵף הַצַּדִּיק: 'וַתִּתְפְּשֵׂהוּ בְּבִגְדוֹ'.

דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט אַרַיין דֶעם פָּסוּק אַז עֶס אִיז נִישְׁט נָאר אַ מַעֲשֶׂה וָואס הָאט אֵיינְמָאל פַּאסִירְט מִיט יוֹסֵף הַצַּדִּיק, נָאר דָאס אִיז דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם כַאפְּט אַרַיין יֶעדְן מֶענְטְשׁ עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין צַייט צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר אִיז פַארְנוּמֶען מִיט זַיינֶע קְלֵיידֶער.

"אַךְ מִי שֶׁהוּא בַּעַל נֶפֶשׁ וְלִבּוֹ חָזָק בַּה', אֵינוֹ מַשְׁגִּיחַ גַּם עַל זֶה, אַף עַל פִּי שֶׁאֵין לוֹ בֶּגֶד לִלְבֹּשׁ, אַף עַל פִּי כֵן אֵינוֹ מַטְרִיד עַצְמוֹ בָּזֶה וְאֵינוֹ רוֹצֶה לְהַנִּיחַ עַצְמוֹ לְבַלְבֵּל בָּזֶה", אָבֶּער וֶוער עֶס אִיז שְׁטַארְק בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי זַאכְן, אֲפִילוּ עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קְלֵיידֶער, וֶוערְט עֶר נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁוַואכְט פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית לט, טו-טז): "וְזֶהוּ וַיַּנַּח בִּגְדוֹ אֶצְלָהּ וַיָּנָס, וְכוּ', שֶׁמַּנִּיחַ בִּגְדוֹ וּמַלְבּוּשׁוֹ וְנָס וּבוֹרֵחַ מֵהֶם וְאֵינוֹ מַשְׁגִּיחַ כְּלָל עַל זֶה. רַק עוֹשֶׂה אֶת שֶׁלּוֹ בַּעֲבוֹדַת ה', כְּפִי מַה שֶּׁיָּכוֹל",

יוֹסֵף הַצַדִיק הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דִי קְלֵיידֶער, עֶר הָאט נִישְׁט אַרַיין גֶעלֵייגְט זַיין גַאנְצֶע קָאפּ אִין דֶעם, זַיין גַאנְצֶע קָאפּ אִיז גֶעלִיגְן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, וְוִי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן

דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז דָא אוֹיס אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ, אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן מְבַלְבֵּל זַיין פוּן גָארְנִישְׁט, אַ מֶענְטְשׁ זָאל זַיין שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ, אֲפִילוּ עֶר זָאל פַארְלִירְן גֶעלְט זָאל עֶר נָאכְאַלְץ גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת, שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן. בָּרוּךְ ה' אֲפִילוּ אִין שְׁטֶעטְל וָואס אִיז שְׁוֶוערֶער צוּצוּשְׁטֶעלְן מִנְיָנִים אִין יֶעדֶע צַייט, הָאט מֶען דָא מְסַדֵר גֶעוֶוען עֶטְלִיכֶע מִנְיָנִים שַׁחֲרִית מֶען זָאל נִישְׁט דַארְפְן דַאוֶוענֶען בְּיְחִידוּת.

אַוַודַאי אִיז דָא אוֹיף דֶעם אַ גְרוֹיסֶער יֵצֶר הָרָע, עֶס אִיז דָא אַסַאךְ טִרְדוֹת, בִּפְרַט אִין שְׁטֶעטְל וָואס עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזוֹיפִיל מִנְיָנִים יֶעדֶע פָּאר מִינוּט אַזוֹי וְוִי אִין שְׁטָאט, דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת, 'וַיַּנַּח בִּגְדוֹ אֶצְלָהּ' - אִיךְ לָאז אִיבֶּער מַיינֶע קְלֵיידֶער, אִיךְ לָאז אִיבֶּער מַיין פַּרְנָסָה, 'וַיָּנָס' - אוּן אִיךְ לוֹיף אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ דַאוֶוענֶען.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט פִיל מָאל אִין סֵפֶר הַקָדוֹשׁ "אֲשֶׁר בַּנַחַל" אַז דָאס גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן בְּרֶענְגְט אַרָאפּ שֶׁפַע פַאר'ן מֶענְטְשׁ. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: "**אַז מֶען דַאוֶוענְט מִיט מִנְיָן הָאט מֶען אַ דָבָר שֶׁבְּמִנְיָן** - גֶעלְט", פְּרוּבִּיר עֶס אוֹיס, וֶוער עֶס אִיז מַקְפִּיד צוּ דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִיט מִנְיָן, מִנְחָה מִיט מִנְיָן, אוּן מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן וֶועט הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

## בַּאלְד עֶנְדִיגְט מֶען שׁוֹין 'סֵדֶר בְּרֵאשִׁית'

דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט לִימוּד הַתּוֹרָה, אִיךְ לָאז אָפּ אַלֶע מַיינֶע טִרְדוֹת אוּן אִיךְ גֵיי לֶערְנֶען מַיינֶע הֵיילִיגֶע שִׁיעוּרִים. עֶס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט גְלֵייבְּן, עֶס אִיז קוֹים גֶעוֶוען שִׂמְחַת תּוֹרָה, מֶען הָאט זִיךְ אָט פַארְגֶענוּמֶען: דָאס יָאר וֶועל אִיךְ גֶעהֶערִיג לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיט אַלֶע מְפָרְשִׁים', אוּן דָאס יָאר גֵייט אַזוֹי שְׁנֶעל אַרִיבֶּער, מִיר הַאלְטְן שׁוֹין בַּאלְד בַּיי פַּרְשַׁת מִקֵץ, בַּאלְד עֶנְדִיגְט מֶען שׁוֹין 'סֵדֶר בְּרֵאשִׁית', אוּן דוּ וֵוייסְט אֲפִילוּ נִישְׁט וֶועלְכֶע סֶדְרָה עֶס גֵייט דִי וָואךְ... אַז מֶען

איז שְׁטאַרְק און מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי און אַזוֹי וַוייטֶער, עֶנְדִיגְט מֶען יֶעדֶע וָואךְ דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה.

## דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מִשְׁנָיוֹת

נָאכְדֶעם מַאכְט מֶען זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָיוֹת, מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת. מִשְׁנָיוֹת הָאט אִין זִיךְ מוֹרָא׳דִיגֶע סְגוּלוֹת, מִשְׁנָיוֹת בְּרֶענְגְט פַּרְנָסָה, מִשְׁנָיוֹת בְּרֶענְגְט שֶׁפַע, מִשְׁנָיוֹת טוּישְׁט אִינְגַאנְצְן דֶעם מֶענְטְשׁ, מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט אִין ׳אֲשֶׁר בַּנַחַל׳: ״וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גֶעוואוּסְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מִשְׁנָיוֹת וָואלְט יֶעדֶער אֵיינֶער גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת״.

יֶעדֶער זָאל לֶערְנֶען וִויפִיל עֶר קֶען, אֵיין פֶּרֶק אַ טָאג, צְוֵויי פְּרָקִים אַ טָאג, דְרֵיי פְּרָקִים אַ טָאג, און אַז מֶען אִיז זוֹכֶה לֶערְנְט מֶען ׳חַ״י פְּרָקִים׳ מִשְׁנָיוֹת יֶעדְן טָאג, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שְׁוֶוערֶע זַאךְ, אוֹיב מֶען אִיז זִיךְ מְסַדֵר מִיט אַ סֵדֶר קֶען מֶען דָאס בַּאוַוייזְן, מֶען לֶערְנְט זֶעקְס פְּרָקִים אִינְדֶערְפְרִי, זֶעקְס פְּרָקִים נָאכְמִיטָאג, און זֶעקְס פְּרָקִים בַּיינַאכְט.

מִשְׁנָיוֹת אִיז דִי עֵצָה פַאר אֵיינֶעם וָואס זַיין מֹחַ אִיז מְבֻלְבָּל, זַיין מֹחַ אִיז נִישְׁט גֶעזֶעצְט, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶר וִויל, דִי קָאפּ פָּארְט אִים אַרוּם, אָדֶער עֶר הָאט בִּיטֶערֶע מַחְשָׁבוֹת, עֶר טְרַאכְט אַ גַאנְצְן טָאג: ׳פַאר יֶענֶעם גֵייט גוּט, און פַאר מִיר גֵייט נִישְׁט גוּט׳, אָדֶער - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן - אַז דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין מֹחַ שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת: ׳יֶענֶער הָאט בֶּעסֶער חֲתוּנָה גֶעהַאט פוּן מִיר...׳ ׳יֶענֶער הָאט אַ בֶּעסֶערֶע לֶעבְּן פוּן מִיר...׳ - דָאס אִיז דָאךְ אַ טִפְּשׁוּת, וַוייל וִוי אִיז מֶעגְלִיךְ אַז אֵיינֶער זָאל הָאבְּן בֶּעסֶערְס פוּן מִיר, דִי לֶעבְּן אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס מֶען נֶעמְט זִיךְ אַלֵיינְס, אַלֶעס קוּמְט דָאךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס אִיז בְּהַשְׁגָּחָה, און וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אִיז זִיכֶער דָאס בֶּעסְטֶע פַאר מִיר! וָואס אִיז טַאקֶע דִי עֵצָה פַאר אֵיינֶעם וָואס דֶער וָוארֶעם הָאט זִיךְ שׁוֹין אַרַיין גֶעכַאפְּט בַּיי אִים אִין קָאפּ, זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת לָאזְן אִים נִישְׁט מְנוּחָה, עֶס לָאזְט נִישְׁט לֶעבְּן? דִי עֵצָה אִיז לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת!

## דָאס טוּישְׁט אִינְגַאנְצְן דֶעם מֶענְטְש

אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן קוּמֶען צוּרִיק וויינֶען: 'אִיךְ לֶערְן מִשְׁנַיוֹת אוּן עֶס הֶעלְפְּט מִיר נִישְׁט', קֶען זַיין דוּ דַארְפְּסְט לֶערְנֶען מֶער פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אַזוֹי וִוי אֵיינֶער גֵייט צוּם דָאקְטֶער, דֶער דָאקְטֶער ווייסְט נִישְׁט וִוי שְׁטַארְק דִי מֹחַ אִיז נִישְׁט מְסוּדָר, פַארְשְׁרַייבְּט עֶר אַ רֶעצֶעפְּט אוּן הֵייסְט צוּרִיק קוּמֶען אִין צְוֵויי וואכְן אַרוּם זֶען אֶפְשָׁר דַארְף מֶען אַ שְׁטֶערְקֶערֶע מֶעדֶעצִין; עֶס קֶען זַיין דוּ דַארְפְּסְט לֶערְנֶען 'אַכְצְן פְּרָקִים' מִשְׁנַיוֹת, וָואס דָאס טוּישְׁט אִינְגַאנְצְן דֶעם מֶענְטְשׁ. אוּן אוֹיךְ מִיט מִשְׁנַיוֹת גֵייט עֶס נִישְׁט אִין אֵיין טָאג, עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין וָואךְ, אָבֶּער אַז מֶען אִיז שְׁטַארְק מִיט דֶעם יָמִים וְשָׁנִים הֶעלְפְּט עֶס.

## חֲנוּכָּה לֶעכְט מִיט דִי קִינְדֶער

מָארְגְן נַאכְט וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ צִינְדְן דִי הֵיילִיגֶע מְנוֹרָה; מֶען דַארְף זֶען צוּ זַיין צַייטְלִיךְ אִינְדֶערְהֵיים, אַלֶע הֲכָנוֹת זָאל מֶען שׁוֹין טוּן פַארְדֶעם, זֶעקְס אַזֵייגֶער, וֶוען עֶס קוּמְט דִי צַייט צוּ צִינְדְן, זָאל מֶען זַיין אִינְדֶערְהֵיים. מֶען צִינְדְט אָן דִי הֵיילִיגֶע מְנוֹרָה, אוּן מֶען זֶעצְט זִיךְ אַוֶועק בַּיי דִי לִיכְט, מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע נִסִים וְנִפְלָאוֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן אִין דִי צַייטְן פוּן דִי חַשְׁמוֹנָאִים, אוּן פַאר דִי נִסִים וְנִפְלָאוֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אוּנְז. בִּפְרַט אַז מֶען הָאט קִינְדֶער, אִיז זֵייעֶר וויכְטִיג צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער דִי נִסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט.

מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט:

"בִּשְׁעַת מֶען צִינְדְט אָן דִי חֲנוּכָּה לִיכְט, אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער עֵת רָצוֹן אִין הִימְל, מֶען קֶען דֶעמָאלְט זֵייעֶר אַסַאךְ פּוֹעֵל'ן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן".

גֶעוֶוענְלִיךְ אוֹיב מֶען הָאט אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט מִתְבּוֹדֵד צוּ זַיין בַּיי דִי לִיכְט אִין דִי הַאלְבֶּע שָׁעָה, מֶען מוּז דָאךְ רֶעדְן מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן נָאכְדֶעם דַארְף מֶען וַוייטֶער זַיין מִיט דִי קִינְדֶער, מֶען עֶסְט מִיט זֵיי, מֶען לֵייגְט זֵיי שְׁלָאפְן וְכוּ', דֶערְפַאר וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט זַיין פַארְנוּמֶען מִיט דִי קִינְדֶער אוּן דִי לִיכְט בְּרֶענֶען נָאךְ, קוּמְט מֶען צוּרִיק צוּ דִי מְנוֹרָה אוּן מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, מֶען זָאגְט קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת, אָדֶער דִי תְּפִלּוֹת פוּנֶעם סֵפֶר 'נֵר לְהַצַּדִּיק'.

מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט, אַז מֶען פִּירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְצוּלֶעשְׁן דִי מְנוֹרָה וְוילַאנְג עֶס בְּרֶענְט, אוֹיסֶער אוֹיבּ עֶס אִיז אַ סַכָּנָה; דִי קִינְדֶער מְנוֹרָה'ס לֶעשׁ אִיךְ יָא אוֹיס, אָבֶער דִי גְרוֹיסֶע מְנוֹרָה הֵייבְּט מֶען אוֹיף פוּן דֶער עֶרְד מֶען לֵייגְט עֶס אוֹיפְ'ן טִישׁ, שְׁפֶּעטֶער קֶען מֶען זִיךְ נָאכְאַמָאל אַוֶועק זֶעצְן בַּיי דִי לִיכְט אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין. דֶער עִיקָר דַארְף מֶען לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוּן חֲסָדִים וָואס עֶר הָאט שׁוֹין גֶעטוּן בִּיז יֶעצְט, נָאכְדֶעם בֶּעט מֶען אוֹיף וַוייטֶער.

## בְּרֶענְג מִיר מַיין 'בֵּיתוֹ'...

מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעזָאגְט אַ גוּטֶע הִתְבּוֹדְדוּת וָואס בָּחוּרִים זָאלְן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין בַּיי דִי לִיכְט, מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען בֶּעט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְצוּצִינְדְן דִי מְנוֹרָה, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען טוּן דִי מִצְוָה בִּשְׁלֵימוּת אַזוֹי וְוי דִי הֲלָכָה אִיז 'נֵר אִישׁ וּבֵיתוֹ', דִי 'נֵר' אִיז דָא, דֶער 'אִישׁ' אִיז אוֹיךְ דָא, בְּרֶענְג מִיר מַיין 'בֵּיתוֹ', גֶעבּ מִיר אַ שִׁידוּךְ", אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס אִינְדְרוֹיסְן קוּקְט אוֹיס אַז עֶר הָאט אַ 'בֵּיתוֹ', אָבֶער עֶס אִיז פּוּנְקְט גֶענוּג צוּ מַאכְן קָאפּ וֵויי פַאר אַנְדֶערֶע, מֶען זָאל מֵיינֶען אַז עֶס גֵייט אִים גוּט, בֶּאֱמֶת אִיז אִים פוּנְסְטֶער אִינְדֶערְהֵיים, עֶס אִיז "וְיָמֵשׁ חֹשֶׁךְ", מֶען קֶען אָנְטַאפְּן דָאס טוּנְקְלְקֵייט, קֶענֶען אוֹיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם שַׁיין אַרַיין אַ לִיכְטִיגְקֵייט אִין מַיין שְׁטוּבּ, דִי 'נֵר' אִיז דָא, דֶער 'אִישׁ' אִיז דָא, מַאךְ מַיין 'בֵּיתוֹ' זָאל זַיין מִיט לִיבְשַׁאפְט".

אוֹיךְ טָאר מֶען נִישְׁט פַארְגֶעסְן צוּ בֶּעטְן אוֹיפְ'ן 'אִישׁ', אוֹיף זִיךְ אַלֵיינְס, "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ הָאבּ אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן פוּן דִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ ווִיל רֶעדְן צוּ דִיר".

## זִיךְ אוֹיפְפְלַאמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

וֶוען מֶען זִיצְט בַּיי דִי לִיכְט אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע צַייט, מֶען קֶען דֶעמָאלְט פּוֹעֵלְ'ן גְרוֹיסֶע זַאכְן, מֶען קֶען פּוֹעֵלְ'ן קְדוּשָׁה, טָהֳרָה, זִיךְ צוּרִיק אוֹיפְפְלַאמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן דִי יְוָנִים אִיז גֶעוֶוען אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַ פַארְשְׁלָאפְנְקֵייט, וְוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יַלְקוּט בְּרֵאשִׁית, רֶמֶז ד): "וְחֹשֶׁךְ זֶה יָוָן", דִי יְוָנִים הָאבְּן פַארְטוּנְקְלְט אוּנְזֶערֶע הֶערְצֶער פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## מָאדְנֶע פַּחָדִים

די יָוָנִים ווילְן מִיר זָאלְן פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער מֶענְטְשׁ זָאל לֶעבְּן מִיט שְׁרֶעק: 'וָואס וֶועט זַיין?' 'וָואס וֶועט זַיין?' בִּפְרַט אַז מֶען הֶערְט די נַייעֶס טְרַאכְט מֶען אַ גַאנְצְן טָאג אַז די וֶועלְט גֵייט חָרוּב וֶוערְן... יֶעדֶער וָואס הָאט גֶענוּמֶען דֶעם קָארָאנֶע וַואקְסִין גֵייט שְׁטַארְבְּן אוֹיסֶער די צֶען מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן עֶס נִישְׁט גֶענוּמֶען... מֶענְטְשְׁן פַּיינִיגְן זִיךְ אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ יָא נֶעמֶען דֶעם וַואקְסִין אִיךְ זָאל מִיטְגֵיין צוּזַאמֶען מִיט יֶעדְן, אִיךְ זָאל נִישְׁט בְּלַייבְּן אַלֵיינְס אִין די גַאנְצֶע קַאנְטִינֶענְט... עֶס קֶען אוֹיסְקוּקְן לַאכֶעדִיג, אָבֶער אִיךְ הֶער דָאס פוּן מֶענְטְשְׁן, מֶענְטְשְׁן קוּמֶען אַרוֹיף צוּ מִיר: "רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס עֶס אִיז גֶעשֶׁעעְן צוּ מִיר, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ גֶעזוּנְטֶער מֶענְטְשׁ, פְּלוּצְלִינְג אִיז אַרַיין אִין מַיין מֹחַ נֶעגֶעטִיוֶוע מַחְשָׁבוֹת, עֶס הַאקְט מִיר אִין קָאפּ, אִיךְ שְׁפִּיר ווי אִיךְ וֶוער אוֹיס", גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען מֶען הֶערְט אֵיינֶעם אוֹיס, קֶען מֶען זִיךְ אַרַיין לֵייגְן אִין יֶענֶעמְס מַצָּב אוּן פַארְשְׁטֵיין וָואס יֶענֶער רֶעדְט, אָבֶער אַזֶעלְכֶע מָאדְנֶע פַּחָדִים אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס מֶען קֶען פַארְשְׁטֵיין, אָבֶער וָואס אִיז די עֵצָה פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן די אַלֶע פְּחָדִים? - גֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מַיין מֹחַ זָאל זַיין מְסוּדָר".

פַאר די אַלֶע זַאכְן וָואס טוּט זִיךְ אָפּ אִינֶעם מֹחַ פוּן אַ מֶענְטְשׁ, פַאר די גַאנְצֶע גֶערַאטְשְׁקֶע אִין מֹחַ, דַארְף מֶען לֶערְנֶען אַסַאךְ 'מִשְׁנָיוֹת', וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט מִשְׁנָיוֹת קֶען מֶען גֵיין צוּ אַנְדֶערֶע שִׁיעוּרִים, מֶען קֶען זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין 'מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא', אִין 'פִּרְקֵי דְּרַבִּי אֱלִיעֶזֶר', אָבֶער די עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק אִין לִימוּד הַמִּשְׁנָיוֹת, דָאס אִיז אַ שְׁטַארְקֶע מֶעדֶעצִין פַאר'ן מֹחַ. הַאלְט אַ קְלֵיינֶע מִשְׁנָיוֹת אִין טַאשׁ, וֶוען דוּ הָאסְט אַ אִיבְּרִיגֶע מִינוּט כַאפּ אַרַיין אֵיין מִשְׁנָה נָאךְ די אַנְדֶערֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגוּן: "יְחַדְּשֵׁהוּ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עָלֵינוּ וְעַל כָּל עַמּוֹ בֵּית יִשְׂרָאֵל בְּכָל מָקוֹם שֶׁהֵם. לְטוֹבָה וְלִבְרָכָה. לְשָׂשׂוֹן וּלְשִׂמְחָה. לִישׁוּעָה וּלְנֶחָמָה. לְפַרְנָסָה טוֹבָה וּלְכַלְכָּלָה. לְחַיִּים טוֹבִים וּלְשָׁלוֹם. לִשְׁמוּעוֹת טוֹבוֹת. וְלִבְשׂוֹרוֹת טוֹבוֹת. וְלִגְשָׁמִים בְּעִתָּם. וְלִרְפוּאָה שְׁלֵמָה. וְלִגְאוּלָה קְרוֹבָה וְנֹאמַר אָמֵן".

כולל היכל הקודש

בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

התודה והברכה לידידנו היקר

הר"ר **אברהם דוד קויפמאן** שליט"א

שנדב סכום הגון לכוללינו